משה בראָדערזאָן

י

פאטאמאנטאזשן און גראפישע פארמירונג

יהודה לעחין

פנחס שווארץ

לאָדזש 1939

משה בראדערזאן

י

פאסאמאנמאזשן און גראפישע פארמירונג

יהודה לעחין

פנחס שווארץ

לאדזש 1939

משה בראָדערזאָן

פאסאמאנטאזשן און גראפישע פארמירונג

יהודה לעחין

פנחס שווארץ

לאָדזש 1939

wizor, łódź,

י

ליד אין פופציק קאפיטלען

משה בראָדערזאָן

צום 25 יאריקן יובל פונם מחבר
ארויסגעגעבן דורך א גרופע פריינט, און ביי דער מיטהילף פון „פען-קלוב" אין ווארשע

גראַפישע פאָרמירונג
און פאָטאָמאָנטאַזשן: יהודה לעווין, פנחס שווארץ

טעכנישע לייטונג: אהרן אפפענהיים

פאָטאָ: מ. גראסמאן, ה. לערסקי

קלישן: „cynkofoto" לאדזש, שרודמיעיסקע 32

łódź 1939

...יברסיטת
...ל-אביב
...ית סוראסקי

„**jud**" poemat

mojsze broderson

druk.
h. prowizor, łódź, wólczańska 21

משה בראדערזאן

משה בראדערזאן

משה בראדערזאן

1

דער נאָמען מיינער איז אַן אות — אַ צייכן,
דער שטילסטער פֿון די אַלע אותיות און די מופֿתים גרויס און קליין —
איך בין אַן אות, אַ צייכן פֿון דעם העכסטן, טיפֿסטן גרייכן,
און פֿון נישט־קאָנען בלייבן אויף אַן אומוועג שטיין.

און אויף דעם אומוועג – אויפֿגעריסן זענען אַלע בריקן:
אויפֿגעשווידערט — פֿאַרנט, אויפֿגעצייטערט — הינטער מיר —
טאָ זאָל דאָס וואָגלען אייביקע באמת זיין מיין תּיקון,
בעת די שפּורן אייגענע אין וואַנדער איך פֿאַרליר?

ס׳איז אות – דער וועג אַליין — די סתרי תּורה ורזין דרזין,
אַן אות פֿון נישט־דערגאַנגענער משיחות־פּראַכט –
דער דרך מלך מיינער – אַ וויִאַ דאָלאָראָזאַ
אין לאַנגער טומלדיקער און מבולבלדיקער נאַכט!

יאָ, ס׳איז דער נאָמען מיינער „יוּד“ — אַזאַ־אַ צייכן,
אַ מספּר צען, און צען מאָל גרעסער איז מיין צער:
איך בין אַן אות — אַ פֿאָלק, וואָס איז זיך מכין —
נאָך עונש אָפּקומען — צו לאָדענען אויף זיך דעם שׂכר דערפֿאַר!

2

נישט פֿאָדערט גלייך־זיין פֿון אַ פֿאָלק — אַ מראה גאָר אַן אַנדער,
נישט פֿאָדערט פֿונם נע ונד אַ שטאָלצן, פֿעסטן טראָט,
נישט פֿאָדערט עס פֿון פֿאָלק, וואָס גייט יאָרטויזנטער אין וואַנדער,
אין איינעם זוכעניש גערעכטיקייט פֿון מענטש און גאָט.

נישט פֿאָדערט עס ביי די, וואָס אין מדבריות־זאַמד פֿאַרברענגען,
און אייביק ווערן אין מיראַזשן אייגענע פֿאַרפֿירט,
ביי די, וואָס אומעטום די האַרפֿן זייערע פֿאַרהענגען,
און יעדער וואָגל־ווינט די סטרונעס זייערע באַרירט.

נישט פֿאָדערט גלייכקייט פֿונם פֿאָלק, וואָס איז געבויגן
פֿון אַלע צייטן־שטורעמס זינט־ווען זיך ס׳געדענקט —
צי האָט איר ווען אין טיף אַרייַנגעקוקט אין ירדנס אויגן?
צי האָט איר ווען, ווי זיי, נאָך אויסלייזונג געבענקט?

נישט מאָנט קיין גלאַנציק־טאַנצנדיקן טריט פֿון פֿיס געבראָכן,
פֿון פֿיס געטונקענע אין שטויבן פֿון אַ ליאַדע וועג,
פֿון פֿיס פֿאַרווונדיקטע פֿון שפּאַנען צום נצחון,
בכדי משיחן אַראָפּצוברענגען אויך אין אונדזערע די טעג.

2

נישט פֿאָדערט גלייך-זיין פֿון אַ פֿאָלק — אַ מראה גאָר אַן אַנדער,
נישט פֿאָדערט פֿונם נע ונד אַ שטאָלצן, פֿעסטן טראָט,
נישט פֿאָדערט עס פֿון פֿאָלק, וואָס גייט יאָרטויזנטער אין וואַנדער,
אין איינעם זוכעניש גערעכטיקייט פֿון מענטש און גאָט.

נישט פֿאָדערט עס בײַ די, וואָס אין מדבריות-זאַמד פֿאַרברענגען,
און אייביק ווערן אין מיראַזשן אייגענע פֿאַרפֿירט,
בײַ די, וואָס אומעטום די האַרפֿן זייערע פֿאַרהענגען,
און יעדער וואָגל-ווינט די סטרונעס זייערע באַרירט.

נישט פֿאָדערט גלײַכקייט פֿונם פֿאָלק, וואָס איז געבויגן
פֿון אַלע צײַטן-שטורעמס זינט-ווען זיך ס׳געדענקט —
צי האָט איר ווען אין טיף אַרײַנגעקוקט אין ייִדנס אויגן?
צי האָט איר ווען, ווי זיי, נאָך אויסלייזונג געבענקט?

נישט מאָנט קיין גלאַנציק-טאַנצנדיקן טריט פֿון פֿיס געבראָכן,
פֿון פֿיס געטונקענע אין שטויבן פֿון אַ ליאַדע וועג,
פֿון פֿיס פֿאַרוווּנדיקטע פֿון שפּאַנען צום נצחון,
בכדי משיחן אַראָפּצוברענגען אויך אין אונדזערע די טעג.

3

און אַז מיר זאָגן „ייִד״ — דאַן דאַרף מען ברכה־מאַכן, ווי אויף ברויט אַ לעבל,
ווײַל פֿראָסט און ערלעד איז עס, ווי דער תּבֿואה־זאַנג אין פֿעלד,
און אַז מיר זאָגן „ייִד״ — דאַן מיינען מיר נישט ערב־רב — דאָס פּעבל,
די משומדים און די ערב־משומדים, ס׳אָפּפֿאַל פֿון דער וועלט!

ווען מיר זאָגן „ייִד״ — דאַן מיינען מיר נישט איבערלויפֿערס האַסטיק,
דעם עבֿד כנעני דעם פֿאַרשטעלטן אין פֿרעמדן מנהג און אין טראַכט,
ווי אויכעט די, וואָס קוילערן אין שטויב זיך פֿון סכאָלאַסטיק,
און האָבן אויג און האַרץ פֿאַר אויסער־וועלט פֿאַרמאַכט.

און ווען מיר זאָגן „ייִד״ — דאַן מיינט עס נישט דעם אַתּה־בחרתּנו,
ווײַל ס׳קומט קיין שטאָלציקייטן נישט פֿאַר זײַן אַ ייִד:
דאָס זײַן אַ ייִד הייסט — אייביקייטן מאָנען און דערמאָנען,
דאָס זײַן אַ ייִד הייסט — פֿייער פּראָמעטעאוס׳עס געהיט...

און אַז מיר זאָגן „ייִד״ — דאַן דאַרף מען צו דעם לעבן וואַכן
און אויפֿמאַכן די טירן־טויערן פֿון מענטשלעכן געמיט —
ווי אויף דעם ברויט מיט זאַלץ מען דאַרף אַ ברכה מאַכן
ביים שטיין אין ד׳ אמות פֿון דער ווירקלעכקייט, וואָס טראָגט דעם נאָמען — ייִד!

4

דורך מילשטיינער פון די יאָרטויזנטער אַדורכגערעדערט,
דורך זיפּן פון יאָרטויזנטער אַדורכגעזיפּט,
איך האָב זיך צו דער געטלעכקייט געפּעדערט,
פאַרקוקט אין דור דורות, האָפענונגסלאָז פאַרליבט.

איך האָב זי ליב, די וועלט, און ליב דאָס לעבן,
און שטאַרקער, ווי דער טויט מיין ליבע איז צו זיי,
און כאָטש דער מלאך המות שטייט מיר תמיד נאָנט–דערנעבן,
איז צו דעם חיות גרייט מיין פליסטער און געשריי.

וויי־וויי, פיל נסים מיר פאַרזעען פון דעם סך דאָ,
פיל וווּנדער לאָזן מיר אַדורך אָן ווידערקלאַנג,
און מחמת ליבע צו דעם לעבן—האָט די אויבערמאַכט דער פּחדן,
דער מענטש — צום וואַלד־גזלן דערפירט אין קריגערישן גאַנג.

פון זיי מיט שטיוול גראָב פאַרטרעטן קען מיך יעדער,
מיט קאָנווענאַנסן נאַרישע געבונדן און געקניפּט,
מיך — וואָס כ׳האָב זיך צו דער געטלעכקייט געפּעדערט,
וואָס אינם לעבן בין איך האָפענונגסלאָז פאַרליבט!

5

ווי הערלעך־וווּנדערלעך די וועלט עס איז באַשאַפֿן,
ווי שיין, ווי הערלעך שיין עס איז דער מענטש אין איר,
ווי הערלעך איז דאָס בלוּט — אַפֿילו פֿוּן די אַפֿן,
ס׳איז קדוש, קדוש, קדוש — יעדער לעבעדיקער ריר.

ווי וווּנדערלעך איז מאַן און פֿרוי און קינד אין שפּילן,
ווי הערלעך איז דער ציל פֿוּן זיי – פֿוּן זיך אַליין באַשטימט!
און ווער האָט דען דאָס בייז געטוּן? אָ, זיכער א י ע ר ווילן,
וואָס האָט די וועלט די נסימפּולע צעלאָמיעט און פֿאַרקרימט!

אָ, ווער האָט עמיצן דאָס רעכט געגעבן אויף חלוּקה?
און אויב פֿוּן אייך איז עס, טאָ וואָס איז׳ס פֿאַר אַ רעכט?
וואו שטייט עס, אַז מען מעג אַלץ רויבן און פֿאַרצוּקן?
וואָס איז עס – פֿאַר אַן אויסטערלישער מין געפֿעכט?

וואָס הייסט עס: אָפּנעמען ביי עמיצן די הימלען בלאָע?
וואָס מיינט עס אָפּנעמען ביי עמיצן זיין חלק פֿוּן דער ערד?
אָ, הערלעך־וווּנדערלעך עס איז די וועלט — מ ה נ א ה,
וואָס איז צוּ מיר, צוּ דיר, צוּ אים – צוּ אַלעמען באַשערט!

6

אויך איך האָב צוגעלייגט אַ האַנט צום בוי פון בבֿל־טורעם,
צו אייער געצנדינערישן בנין, פון פּאָרויס פאַרפוילט,
אויך איך האָב הויך און שיינקייט די לפּנימדיקע ברייט געזייט אויף שטורעם,
אויך איך האָב אין די רייען אייערע געגרוילט.

איך האָב, ווי איר, צום בנין צוגעטראָגן ליים און ציגל,
און אויך, ווי איר, געשלאָגן ווילד געוואָרן מיטן נישט־פאַרשטיין.
לסוף — פּאַר מיינעטוועגן צוגעהאַקט איז שלאָס און ריגל,
און יעדן אָנקום מיינעם גלייך באַגעגנט פרעמדער שטיין.

אויך איך האָב צוגעלייגט אַ האַנט צום בוי פון בבֿל־טורעם,
מיט אייך פאַרמאָסטן זיך אין אייביקייט־געוועט,
און אַלע מיינע מאַטערנישן, פּלאָגענישן און יסורים
אויף זיבעציק לשונות האָבן זיך צעפּלאַפּלט און צערעדט.

די שבֿעים לשונות ברעקלען, פערטלען מיר מיין לייב און לעבן,
פאַרפינסטערן, פאַרחושכן מיין טאָג און נאַכט,
מיר האָט דער מגדל בבֿל פרעמדע זיבעציק געגעבן —
און פון די פרעמדע אַלע — די איינציק אייגענע איז אויסגעלאַכט.

6

אויך איך האָב צוגעלייגט אַ האַנט צום בוי פֿון בבֿל־טורעם,
צו אייער געצנדינערישן בנין, פֿון פֿאַרוויס פֿאַרפֿוילט,
אויך איך האָב הויך און שיינקייט די לפֿנימדיקע ברייט געזייט אויף שטורעם,
אויך איך האָב אין די רייען אייערע געגרווילט.

איך האָב, ווי איר, צום בנין צוגעטראָגן ליים און ציגל,
און אויך, ווי איר, געשלאָגן ווילד געוואָרן מיטן נישט־פֿאַרשטיין.
לסוף — פֿאַר מיינעטוועגן צוגעהאַקט איז שלאָס און ריגל,
און יעדן אָנקום מיינעם גלייך באַגעגנט פֿרעמדער שטיין.

אויך איך האָב צוגעלייגט אַ האַנט צום בוי פֿון בבֿל־טורעם,
מיט אייך פֿאַרמאָסטן זיך אין אייביקייט־געוועט,
און אַלע מיינע מאַטערנישן, פּלאָגענישן און יסורים
אויף זיבעציק לשונות האָבן זיך צעפּלאַפּלט און צערעדט.

די שבעים לשונות ברעקלען, פֿערטלען מיר מיין ליב און לעבן,
פֿאַרפֿינסטערן, פֿאַרחושכן מיין טאָג און נאַכט,
מיר האָט דער מגדל בבֿל פֿרעמדע זיבעציק געגעבן —
און פֿון די פֿרעמדע אַלע — די איינציק אייגענע איז אויסגעלאַכט.

7

טיר און טויער אין איר היכל ליכטיקן עס זענען תּמיד אָפן:
מאַכט אומווירדיקייטן יעדער עזות פּנים אויף דער שוועל,
טרעף איך אָפּט, ווי היינט האָב איך געטראָפן,
פאַרוויינט, פאַרטרויערט איז זי, ס׳ווערט פון איר אַ תּל.

יעדער קרענק פאַרשלעפּטע און נישט־דאָ־געדאַכט וויל זיין איר מבין,
רופט זי אויסגעלאַסן, ציילט איר טאָג, איר שעה.
אָבער — זעט זי, הערט זי עמיצער אַמאָל פון זיי ווען,
בעת זיין איר נביא קלינגט זיך יעדער אומהיימלעכע קראָ?

און אַז איך זע און הער זי מיט דער טיפסטן פּיין געלאָדן,
צי ליכט באַפליגלט מיט בטחון און מיט פרייד,
אין בלוטן, טרערן פון די לאַנגע דורות הייס געבאָדן,
דאַן וואַרט זי, ווי אַן אַכצניאָריקע אויף לאַסקע און התפּעלות־רייד.

איך לייג דאַן אויף מיין ברוסט איר זיסן קאָפּ געבויגן,
די טויזנט טעם און חן פון איר — איר ליכטיקן געמיט,
און כ׳מורמל: — מיר פאַר דיר, פאַר דיינע גוטע, קלוגע אויגן,
מיין היים — מיין ייִדיש, מיין ייִדיש וואָרט, מיין ייִדיש ליד!

דאָס איז די פּיין, וואָס לאָזט מיך נישט אין שלאָף אפילו לאַנדן,
דער ווייטאָק, וועלכער לאָזט אַ רגע מיך נישט אָפּ —
דאָס איז פאַר שפלות פון דעם מענטש די שאַנדע,
די שאַנדע אומגעצוימט, וואָס טראָגט זיך אין גאַלאָפּ.

דאָס איז זי דאָך, וואָס שפּרייט זיך אויס אויף בּערג און טאָלן,
וואָס שטראָמט אויף פעלד און וואַלד, און טייך, און ים,
וואָס לויפט אַרום אויף בּרייטן וועג און שטעג דעם שמאָלן —
די שאַנדע — אומגעשטערט אין וואַסער און אין פלאַם.

דאָס איז דער ווייטאָק, וואָס צעפרעסט מיר מיין נשמה,
וואָס מאַכט מיך אומדערטרעגלעך טויבּ און בּלינד,
זי איז עס, וואָס פאַרלירט אין זיך דערוויילקן איר נאָמען,
דאָס איז די חרפה מענטשלעכע, וואָס אויפגעוויגט פון ווינט.

עס איז אַ צייט אַזאַ בּאַשפּיגענע מיט סמירע,
קלעק מיט סרחאדיקן איז בּאַגאַנווערט איטלעך פאָלק און לאַנד.
איך שעם זיך פאַר דער פּשוטער דער ווילדער חיה,
מיר איז פאַר מענטשן־מין אַ חרפה און אַ שאַנד!

9

אַ שפּיל פֿאַר הפקר איז מיין אָרעם לייב און לעבן,
און אַ פֿאַרענטפֿערונג פֿאַר הפקרישן ניאוף און פֿאַר זנות,
אויך אײַנזען פֿון פֿאַרברעכערישקייט סתם איבערגעגעבן,
פֿאַר שפּאָט און שאַנד — דער אויסדרוק פֿון דעם הויך־געמוס.

איך — אַ פֿאָלק, וואָס תּמיד זעט דעם גיהנום פֿאַר די אויגן,
וואָס אומאויפֿהערלעך שפּיר איך טייוולשן באַריר,
איך שפּיר, ווי שטינקענדיקע שדים־ליפּן חיות מיינעם זויגן,
ווי ס׳יאָגט ווילקיר מיך פֿון אַ־יעדן טויער, יעדער טיר.

ס׳אַראַ פֿאַרגלייך איז — גיהנום אויסגעדיכטעטער פֿון דאַנטע
מיט העליש פֿייער, וועלכער פֿרעסט מיין קנאָכן און געביין,
וואָס כאַפּט אַרום אין פֿלאַמען די אָרעם־הייליקע אמונה־טראַנטע,
און ליטערט זי יסורימדיק צו אש להבה ריין?

אַ ציל־ברעט פֿאַר די הפקר־ליידנשאַפֿטן אייערע און ליידן,
אַן אָנהאַלט אייגנציקער, ווען ס׳ווערט אַן אָפּגרונט פֿונם גרונט —
מיין גורל לאָזט עס מיך נישט מיין שליחות אויסצומיידן:
פֿון טראַנטע הייליקער צו ווערן — פֿלאַם פֿון בונט!

10

דאָס ווייסן מיר — די ערד פאַר מענטשן־מין — די גרעסטע ברכה,
דאָס ווייסן מיר — וואָס ס׳הייסט די פרייד פון אַקערן די ערד,
וואָס הייסט עס: זייען — די גערעטעניש — דער יום־טוב אינדערוואָכן,
וואָס הייסט — פון רעגן און פון זון צו זיין גענערט.

מיר ווייסן וואָס עס הייסט פון ים און טייך די פולע נעצן
אַרויסצושלעפן אויף צו ברכה־מאַכן איבער גאָטס גענאָד —
מיר זענען דאָך די לעצטע אָט דאָס גליק און ברכה צו פאַרלעצן —
געבענטשט איז ד ע ר, וואָס ערדן־פרייד איז זיין געבאָט!

צי האָט איר אָבער, זינדיקע פאַרדאַרבער און פאַרשווער,
געזען, געפילט דעם צער פון די באַזייטיקטע פון פעלד?
וואָס ווייסט איר דען דערפון, וואָס ס׳הייסט בזעת אפיך —
פון מאַטערניש אָן דעם גערעטעניש אין מדברשן געצעלט?

וואָס ווייסט איר פון דער לאַסט: צו זיין אָן טוי און רעגן,
וואָס ס׳הייסט צו זיין אַ וואָגל־און אַ הפקר־קינד,
וואָס הייסט עבודת פרך אויף גלייכע און אויף קרומע וועגן,
און זייען, שניידן, מאָלן אינם ווינט און אויף דעם חסד פונם ווינט?!

11

די זיגן און די בלוט־פֿאַרגיסונגען דיין לעבן מאַכן ראָז דיר,
דו ציסט נצחונות, ווי די פּאַטשערקעס אויף די געשיכטע־שניר,
און מיר — פֿאַר מ י ר יאָרטויזנטער — אַ פֿינסטערער אַ לאַנגער פּרוזדור,
און ווינט און זאַמד, און ווײ און ווינד צו מיר!

איך גיי און גיי, בעלאָדנט און באַלעסטיקט איבער מיינע כוחות,
און הילכיק זענען מיינע טריט אין חושכן דעם קאָרידאָר.
אַריבער מיר — איך ווייס — אַן אומענדלעכער הימל הויך איז,
מיט מיר עס גייען מיט די אַלע דורות — דור נאָך דור!

איך האָב שוין איבער מיר אַ באַרג אַ געטלעכן געהויבן —
מיט נעשה ונשמע האָב איך „טואונג טון געטאָן” באַפאָר געהערט.
צי ווייסט איר, וואָס ס׳באַדריט צו טראָגן בערג פֿון גלויבן,
און, ביי דעם יאוש גרעסטן, נישט פֿאַרצווייפֿלען אין דער ערד?

פֿאַרפֿאַלן, טראָג איך א י י ך, און טראָג אייך איבער אין געוויסן
ביז אָנקומען איך וועל צום פּרוזדורס לעצטן בראָם.
און — צו פֿאַרדאַנקען מיר — געניסן טוט איר פֿונם לעבן מיאוסן,
און וואָס לעת עתה ס׳איז נישט חרוב ומוחרב אייער סדום!

מיר זענען: אײַזן, שטאָל און גרובנס פֿון דעם גאָלד און זילבער,
מיר זענען — צום געדעטעניש דער שפּרייערגן, דער טוי,
אויף אַלדאָס לעבעדיקע זענען מיר ביז זעלבסטפֿאַרלייקענונגען פֿילבאַר
און אונזער גלויבן איז ווי הימל א י ב ע ר הימל בלוי.

מיר קאָנען מילד און גוט זיין אין דער ליבשאַפֿט און הכנעה,
מיר קאָנען אָנצינדן די העלסטע זונען אינם רוים,
מיר קאָנען זיך צו געטלעכקייטן איבערענטפֿערן, פֿאַרטרויען,
מיר קאָנען יאוש פֿירן אין די וועגן פֿונם אויסלייז־טרוים.

מיר זענען — אומצאָליקע אוצרות פֿאַר גערעכטן סדר־עולם
און מערער קאָנען מיר נאָך ווערן, ווייל אַזוי באַשערט.
אַזאַ — דער גורל אונדזערער, וואָס ס׳וועט נישט ענדערן קיין גרויל אין
וואָס האָט דען א י ב ע ר ג אַ נ ג אַנטקעגן אייביקייט די ווערט?

נאָר אויב איר וועט זיך נישט צו אמת איינציקן דערהויבן,
און ווייטער אונדז פֿאַרוואַנדלען אינם שטויב פֿון אייער שטן־טריט,
דאַן ווייסט: עס קאָנען אָט די אַשן און די שטויבן
מגולגל ווערן אינם אומקום־איפּעריט!

12

מיר זענען: אײַזן, שטאָל און גרובנס פֿון דעם גאָלד און זילבער,
מיר זענען — צום גערעטעניש דער שפּרײַרעגן, דער טוי,
אויף אַלדאָס לעבעדיקע זענען מיר ביז זעלבסטפֿאַרלײקענונגען פֿילבאַ
און אונדזער גלויבן איז ווי הימל א י ב ע ר הימל בלוי.

מיר קאָנען מילד און גוט זײַן אין דער ליבשאַפֿט און הכנעה,
מיר קאָנען אָנצינדן די העלסטע זונען אינם רוים,
מיר קאָנען זיך צו געטלעכקייטן איבערענטפֿערן, פֿאַרטרויען,
מיר קאָנען יאוש פֿירן אין די וועגן פֿונם אויסלייז־טרוים.

מיר זענען — אומצאָליקע אוצרות פֿאַר גערעכטן סדר־עולם
און מערער קאָנען מיר נאָך ווערן, ווײַל אַזוי באַשערט.
אַזאַ — דער גורל אונדזערער, וואָס ס׳וועט נישט ענדערן קיין גרויל אי
וואָס האָט דען א י ב ע ר ג אַ נ ג אַנטקעגן אייביקייט די ווערט?

נאָר אויב איר וועט זיך נישט צו אמת איינציקן דערהייבן,
און ווײַטער אונדז פֿאַרוואַנדלען אינם שטויב פֿון אייער שטן־טריט,
דאַן ווייסט: עס קאָנען אָט די אַשן און די שטויבן
מגולגל ווערן אינם אומקום־איפּעריט!





13

אין די יריעות פונם אײַזערנעם געדולד געוויקלט,
איך קוק זיך צו, ווי ס׳ברענען אָנגעצונדענע די שולן,
ווי חזן טײַוולשער עס האָט זיך איבער וועלט צעציקלט,
ווי אָמן זאָגט מען נאָך דעם לצים־געעק דעם דולן.

איך אָטעם אײַן דעם רויך פון פאַרמעטן — צעאַשטע ספרי תורות,
איך אָטעם אײַן דעם צער פון די מיליאָנען ברידער מײַנע.
איך קוק זיך צו, ווי אַלץ אַוועקגעשטעלט קאַפּויר איז.
נאָר — ס׳איז צו קײנעם נישט געווענדט מײַן טענה.

מיך אַרן נישט די אַלע שדים־שמחות און גדולות,
נישט איך בכוח בין צו מינטערן, צו שרײַען: — האַלט!
איך ווייס ס׳איז שווער צו זײַן מיושב אין אַ דולהויז:
אויף מײַן געשריי געוואַלד דאָס עכאָ ענטפערט — וואַ־אַ־לד!

נישטאָ אויף דעם, אויף וואַנזין־כאַאָס קײן שום וועטאָ,
אַ זינד איז צו אַנטלויפן אין די ערי מקלט.
און שוין דערפאַר איך וועל נישט לאָזן זיך פאַרפירן אין אַ געטאָ:
כ׳האָב מוט צו וואַרטן — אינם אײַזערנעם געדולד געוויקלט!

14

עס גייט נישט דורך קיין טאָג, איך זאָל נישט זאָגן ווידוי,
פֿאַר זיך — איך זאָל זיך נישט מתוודה זיין אין מיינע זינד־
די אימת מות וווינט און וויינט אין אַלע מיינע גלידער,
און אויף אַ רגע נישט די טויט־שרעק עס פֿאַרשווינדט.

צי איז׳ס אַ חידוש דען: אַז ס׳אָרעם מאָלצייט איז — דער סם נאָר,
און כ׳דריי אין דרייען זיך פֿון קראַמף און ווײ.
— הער, גאָט, ווי נאָר דו ביזט: ס׳איז אמת, וואָר — אָשמנו,
אָשמנו און בגדנו, אָבער ··· אָסור מער פֿון זיי!

ס׳איז אמת, אַז מיר אַלע האָבן שווער געזינדיקט
ביודעים און בלא יודעים — אַלע מיר פֿון גרויס ביז קליין,
במזיד און בשגגה האָבן מיר די פֿריי געקינדיקט,
און צום־מיינסט פֿאַרזינדיקט זיך פֿאַר זיך אַליין.

נאָר זיי — זיי בלעכלען אויס די ברוסטן די פֿאַראַדנע,
און ס׳גלאַנצן אויף דער זון די העלדישקייטן פּוסט,
בעת מיר — מיר אַנען ריכטיקער — אָשמנו און בגדנו,
מיר זאָגן ווידוי יעדן טאָג, און קלאַפּן זיך אין ברוסט!

די תקופה אונדזערע — אין קלעם פון ווערג־שלאַנג אומגענומען —
זי האָט דעם היינט דעם אונדזעריקן באַלד דערוואָרגן:
דאָס גסיסה־כאָרכלען קווילערט זיך אַרויס פון גומען,
און באַלד פאַרנעמט זיך שוין די ווערג־שלאַנג אויפן מאָרגן.

וואָס יונג — באַקלעקט זי מיט איר קלעק און סמייע,
פאַרפינצטערט מוחות יונגע מיט איר גיפט,
און נייע מחנות גייען אין מעכאַנישע אין גולם־רייען,
פון חסר דעה און הפקרות שכור און פאַרבליפט.

עס ציט זיך אויס די שלאַנג — אויף אַלע וועגן ציט זי,
און אומעטום פון איר איז — שפּור פון קריכעניש און בויג,
אָ, אומעטום עס שטרוימט אויף אונדז די אינקוויזיציע:
דורך ראַדיאָ, דורך דער טאָג־צייטונג און מענטשן־אויג.

די תקופה אונדזערע, אין קלעם פון ווערג־שלאַנג אומגעקלאַמערט,
באַווייזט אונדז נאָך אַ גרווילן־פּאָקוס, נאָך אַ גיהנום־קונץ!
ווי מורא׳דיק, ווי גוואַלדיק, ווי גרוייזאַם אונדזער האַרץ עס האַמערט
אין היינט — אין ערב ס׳וועט די שלאַנג דערווערגן זיך מיט אונדז!

16

געבראָכן, חרוב שטיי איך פוּן די מידע קני אויף,
אוּן ענג איז מיר מיין וועלט, אוּן ענג מיין שטוּב —
עס האָט אין האַרץ זיך מיר אַרייגעצויגן איוב,
וואָס האָט פאַרלאָזן ערגיץ־ווו זיין גרעניק־גרוב!

צוּזעצט האָט ער זיך ברייט ביי מיר אין האַרצן
צוּזאַמען מיט חברים זיינע — טרייסטערס דריי,
אוּן ס׳ווערט דאָס האַרץ אַ קוואַל פוּן בלוּט פוּן שוואַרצן,
מיט וועלכן אויף די נייע הייליקייטן זייערע איך שפּיי.

אוּן כ׳שריי אויף קולי קולות — ראַטעוועט זיך מענטשן,
עס קאָן שוין ווייטער מער נישט אָנגיין דאָס געוואַלד,
איר זעט, איר זעט, עס ברענט דער לעצטער פוּנדאַמענט שוין,
איר זעט, ווי אין די פייערן — ווי איר אַליין פאַרפאַלט!

איך שריי מיט לעצטע כוחות, אויגן — בלוּט עס שפּריצן,
ווערט פינצטערניש אין בראַנד געדיכטער וואָס־אַ־מאָל,
אוּן אַלע מיינע יאוּש־דוּנערן אוּן אויפלויכט־בליצן
הילכט איבער טיף אין מיר פוּן איוב׳ן דער קול!

איך ווייס עס אויך בענוי — ס׳איז זיכטיקייט נישט מערער —
ס׳איז דאַכטעניש: פֿון אַלע זייטן — יעדער האָריזאָנט!
אַזוי געלערנט האָט מיך איטלעכער מעת־לעת — מיין לערער,
און יעדער האָריזאָנט גערופֿן האָט, געמאָנט.

און פּלוצים—צוגערויבט מען האָט מיין וויסן מיר—מיין אָנטון,
באַגנבֿעט און באַגזלט האָט מיך נאַקעטקייט פֿון ווילדער וועלט,
און איינגעלייגט — און צוגענומען אַלע האָריזאָנטן,
צי אפֿשר זיי, צו אַלדע שוואַרצע יאָר, פֿאַרשטעלט.

טאָ וואָגל איך אין אומעטיקע וויסטענישן פֿון אין־סופֿן
צו דעם אומענדלעכן, דעם טרייסטלאָזן געדאַנק,
פֿון אויסגאַנגלאָזיקייט געטריבֿן, דעם היפּך פֿונם האָפֿן,
און אַלץ אַרום קריגט שאַרף דעם חלפֿשן און שרעק־געבלאַנק.

ווי מערקווירדיק — די האָריזאָנטן ווערן איינס־נאָך־איינס פֿאַרשוווּנדן,
און שטערן־אָנצוהערן זעט מען נישט געצונדן און געבליט —
ווי מערקווירדיק — אין איבערבינדן אייטערדיקע אַלטע וווּנדן
עס ווערט מגולגל מיין איצטיק יידיש ליד!

18

ווער האָט עס אויסגעטראַכט אויף אונדז — עם חכם ונבון,
ווער — אויסגעטראַכט? ווער האָט אַ שפּאַס אַזאַ געמאַכט?
די וועלט — אַ גלגול פון אַ שרעקנדיקער סאָווע
מיט אַ שגעון־רעטעניש אַרויסגעלאַכט.

זי לאַכט אין אויגן אונדז, און קייכט פאַר דעם געלעכטער:
— עם חכם ונבון, קלוג, איי, קלוג, ווי גאָר די וועלט!
דער פּועל־יוצא פון דורות אָפּגעהיטענע געשלעכטער,
אַלץ — איינגעשטעלט, און אַלעסדינג — קאַפּויר געשטעלט!

אַ פאָלק אין טרוים און טאַט ביז איבערגלויבן האַסטיק,
אַ פאָלק, וואָס קאָן נישט און וואָס טאָר נישט בלייבן שטיין,
אַ פאָלק — אין ליבשאַפט איינגעגלייבט ביז טרויעריקער פאַנטאַסטיק,
וואָס קיין שום אַנדער קאָן באַגרייפן און דערגיין.

און כאַטש אויף רייטוואָגנס פון טויזנטער די פלאָגן
עס יאָגט די סאָווע אונדז מיט פינצטערניש — פאַרשטאַרט,
זי וועט אונדז מיט די גרויל־געוואַלטן נישט דעריאָגן:
מיר זענען עס געווען, און בלייבן — אוואַנגאַרד!

19

אין בין־השמשות — ערב דעם געבורט און ווערן —
עס וויינט די שכינה אין איר הימל־נעסט:
ווערן אויסגעלאָשן, ווערן אָנגעצונדן שטערן
אין צילבאַוווסטן קיום און אין אייפריקן פאַרמעסט.

פון וועלכן נעסט, צו וועלכן נעסט — אַ פלאַטערן, אַ שווימען?
אין שפּיגל־אָזערע, אין סאַמע שטילן מיט —
איך הער דאָס שטומע ציטערן פון שתיקה־יפה־שטימען,
פון אומעטיקן גוססדיקן שוואַנען־ליד.

און צו דערזעלבער צייט — די חושים מיינע גרויל באַנעמען —
איך הער דעם יובלדיקן קוויטש פון שוויינען־ליד...
פאַר וועמען זאָל דער קיילער און דער שוויין זיך שעמען,
די רעניקע — מיט אומצוכט אין געוויסן און געמיט?!

אין בין־השמשות מיט דעם גרויל און מיט עינויים שווערע,
עס קומען אָן צו מיר פאַרגלייווערט־טרויעריקע געסט,
בעת ס׳לעשן זיך און צינדן זיך די שטערן,
און שוואַן מיט שוויין עס גייט אין לידערשן פאַרמעסט!

20

עס זעען אויס די שטעט איצט אָפּט, ווי די בית־עלמינס אַלטע
אויף וועלכע ס׳וואָגלען אום צעטומלט לעבעדיקע מתים,
וואָס איטלעכן פון זיי זיין קבר האָט זיך אויסבאַהאַלטן —
ווער ווייסט דען, ווו ער איז — דער טייוול ווייס אים!

ביי איטלעכן פון זיי פאַרגליווערט איז צום טויט דאָס חיות,
אַ קרבן פון אַ וועלט — דורך זיך אַליין פאַרדאָרבן,
ס׳איז איטלעכער פון יענער וועלט, און ווייסט נישט פאַרוואָס הי איז
זיין שמייכל און געלעכטער אָפּגעשטאָרבן.

קיין איינער האָט פון זיי קיין קדיש און קיין גואל,
פון איטלעכן פון זיי האָט זיך די זון פאַרבאָרגן,
די זון — אַ טליענדיקער קנויל אין הימלען — בלוי אייל,
אָן נעכטן, אָן אַ היינט און אָן אַ מאָרגן!

און טאָמער וויל איך טרייסטן זיי מיט טרייסט מיט עכטער,
אַז אין פאַרגלייך מיט טויט איז ס׳לעבן בלויז אַ באָוול,
שיס איך גאָר אַרויס מיט ווילד־אומזיניקן געלעכטער,
איך אַליין — פון אָט דער גאַנצער וועלט — אַן אָ ב ל —

21

כ׳בין שולדיק – זאָגט איר — כ׳ווייס עס: איך בין שולדיק,
און אַלע מאָסן זינד עס זענען איבערפולט —
דער ערשטער חטא מיינער — איך בין געווען געדולדיק,
דאָס איז אָן ספק, ס׳איז געווען און איז מיין גרעסטע שולד.

געשוויגן האָב איך לאַנג, געשטומט אויף אייער עוולה,
די ציין פאַרביסן זיך — מיין פיין געבליט צו שטאָל,
איך בין צו לאַנג געווען דער קרבנדיקער סבלן,
און אינם שייטער־פייער געשריגן „שמע ישראל״.

צו לאַנג האָב איך געוואַרט, און אפשר, כ׳ווייס, צו פרי גאָר,
ווען נביא אינם צער עס האָט זיך מיר אַנטפּלעקט,
איך האָב אייך פאַר דער צייט — פון ביישפילן נישט קליגער,
צו פרי אין אייך דעם גאָט — צו ליבשאַפט כ׳האָב געוועקט.

דאָס שרעקט אייך דאָך צום מיינסט, ווייל ס׳איז פאַר אייך פאַרבאָרגן,
און נישט נאָר פאַר נשמה, נאָר אויכעט — פאַרן גוף,
דער ווידערשטאַנד פון אייך עס האָט מיך באַלד דערוואָרגן,
נאָר ווי אַמאָל אויך איצט — לא תרצח איז מיין רוף!

22

די לעסטערונג פון אונדז — אויף הרוב־זינקענדיקע שיפן
פאַרוואַנדלט אונדז אין פיינלעכער מיסטעריע און באַגריף,
מיר טויכן אומבאַוואָפנטע אין אויסטערלישע טיפן,
און דורות פון מאַרטירערייַ — דאָס איז דער יחוס־בריף!

באַגריף־געוואָרענע, ווי אייביקייט און ליבע,
מיר רופן די באַוווּנדערונג אַרויס און — שרעק,
ווען קללות, תּוכחהס באַהאָגלען אונדז אָן סיבה,
און נאָגלען אונדז צו נאַקעטקייטן אָן פאַרדעק —

צו אייער שאַנד און שפּאָט, ווי לוט פאַרשיכּורט,
צו קאַמפן אייערע — פאַר הפקר און געוואַלט,
קיין איינער נישט פון שלאַכט־פעלד זיך צוריק קערט,
און אין די אָרעמס פון חטאים אייערע פאַרפאַלט.

אויב אָבער עמיצן פון אייך פון הפקר־גבול געלינגט אַנטלויפן,
און צו אַ נייעם דרך אייביקן ער ווענדט די טריט,
דעראַנט ער אויף אַ וווּנדערלעכן אופן:
דרייאייניקייטס־באַגריף — פון גאָט, פון ליבע און פון ייִד!

23

דוּרך רציחה, גנבה, גזילה — אין שווינדל פוּן פאַראַטן
געשען דער גרויל איז אוּמדערזען אוּן אוּמדערהערט:
מען האָט די זוּן פאַרוואַנדלט אין אַ געלער לאַטע
פאַר פיל מיליאָנען מענטשן אויף דער טרויעריקער ערד!

די געלע לאַטע האָט געפלאַמט פוּן הינטן אוּן פוּן פאָרנט,
דאָס האַרץ אוּן מאַרך געבּרענט אוּן אויסגעבּרענט,
די זוּן — די געלע לאַטע האָט געגרימט, געצאָרנט,
די זוּן האָט יעדן אוּנדזער טאָג מיט ליכט געשענדט!

ווי האָט זי צוּקוּקן געקאָנט די אַלע גרוילן?
ווי האָט זי צוּהערן געקאָנט דעם בּלוּט-געשריי?
ווי האָט די זוּן געקאָנט בּיי זיך עס פוּעלן —
פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ קוואַל פוּן צער אוּן וויי?!

ווי האָט זי עס — די זוּן — די גאָב פוּן אַלע גאָבּן —
פאַרוואַנדלט אין אַ געלער לאַטע אַל׳איר גאָלדן טראַכט?
ווי האָט זי זיך נישט לעבּעדיקערהייט בּאַגראָבּן
פאַר חרפּה גרויסער אין דעם השכּוּת פוּן דער נאַכט?!

אָ, אויב צו אויסמישונג עס פירן אונדז די וועגן,
דורך אומפאַרמיידלעכקייט צו דעם מיר ווערן איצט געפירט,
טאָ ווער באַרעכנען וועט קאָנען דעם פאַרמעגן,
וואָס געטלעכקייט און מענטשלעכקייט ס׳פאַרלירט!

ווי קאָן דער גורל, אין זיין בלינדקייט דער פאַטאַלער,
דעם היזק מעסטן — לפנימדיק פאַרשלייערט און פאַרשטעלט?
וואָס ווייסן דען די מעסיאַנישע טעותים־חשבונדיקע פּראַלער,
וואָס מיט מענטשן־בלוט און פאַרלע באַמיסטיקן אַ וועלט?

ווען ווערן זאָל דורך דעם דאָס מענטשן־קינד געבעסערט —
איז קנאַפּ ס׳געווין, מיט אייגנקייט פון איטלעך פאָלק – אין אַ פאַרגלייך,
אוממעגלעכקייט מיט צוואַנג נישט איין מאָל האָבן זיך געמעסערט,
כאָטש אויסגעמיטן זיך אין שטענדיקן געווייך —

און דאָך אַ־יעדער טייך, געצווימט דורך זיינע ברעגן,
דעם סוף זיינעם אין ברייטן ווייטן ים פאַרלירט:
אָ, אויב צו אויסמישונג עס טרייבן אונדז די וועגן
און צו דער אומפאַרמיידלעכקייט מיר ווערן דאָך געפירט —

און אויב ס׳האָט נישט געהאָלפֿן פֿון דעם וויל די ברכה,
וואָס אונדזער וואַנדער־טריט האָט אויף דער ערד געזייט,
און אויב די ערשטלינג־זאַנגען שטורעם האָט געבראָכן,
און בענטשונג און גענאָד האָט ווינד־און־וויי פֿאַרווייט —

און אויב ס׳איז נ י ש ט געוואָרן פֿונם גר זאב עם כבש,
און שעפּס אַפֿילו האָט באַקומען וועלפֿ׳שע ציין,
און אויב נאָר אויפֿגעגאַנגען זענען ווילדגראָזן און פּלעווס,
און הפֿקר איז געוואָרן מענטש און זיין געביין —

און אויב צעבראָכן זענען פֿונם רעכט די וואָג און שאָלן,
און ווייזער ווייזט דעם עיקר תּמיד פּונקט פֿאַרקערט,
און לעבנס־זוימען איז געוואָרן זרע לבטלה,
נאָך ערגער — זוימען צו דעם שלאַכטונג־פֿלייש געמערט —

יאָ, אויב ס׳איז אַלץ באַשטימט — אויף שטויב און אַש צעמאָלן,
און ס׳איז אַ ברכה לבטלה אונדזער בענטשונג צו דער ערד —
איז אפֿשר טאַקי גליקער, ווען די ווייסטע קללה
אָט דעם חורבן אונדזעריקן ביזן סוף צעשטערט!

26

אוּן טרעפֿן טרעפֿט אַזוי — אין יעמערלעכע מענטשן־תּקופֿות,
ווען פֿעלקער ווערן אוּמזיניק פֿאַרוואַנדלט אין צעווילדעוועטע הינט,
אָ, דעמלט איז בּחנם יעדער מי, אוּמזיסט דאַן יעדער רוף איז,
אוּמזיסט איז — א מ ת אוּן דאָס שליידערן פֿוּן תּפֿלות אויפֿן ווינט —

דאַן שטיי איך בּלינד בּיז אַ שגעון — אויגן אויסגעשטאָכן —
צוּ זיילן פֿוּן דעם וואַקלדיקן קיוּם עולם צוּגעשמידט,
אוּן איבּער מיר נבֿלה־ראָבֿן מיט די פֿליגלען שווערע פּאָכן,
אוּן וווּנדערלעך — עקשנוּת מיינע ווערט נאָך מ ע ר געגליט —

איך פֿיל, ווי פֿוּן מיין מידיקייט עס שטייגט אַ כּוח אוּמגעהויער,
ווי מיט אַ גבֿוּרה צאָרניקער עס ווערן פֿוּל די הענט —
אָט באַלד וועל איך די זיילן פֿוּן שגעון אוּן פֿוּן טרויער
אויפֿטרייסלען — אוּן חרוּב וועלן ווערן ווענט אוּן פֿוּנדאַמענט —

עס וואַקסט אוּן בּליט די קראַפֿט פֿוּן פֿיינלעכער נקמה,
וואָס אין דער יעמערלעכקייט וואָיעט היה׳ש, שטוּם,
אוּן סוף כּל סוף — איך ל ו י ב אוּן בּ ע נ ט ש דעם אויבערשטן, זיין ליבּן נאָמען,
וואָס א י ם מיט אוּנדזער אוּמגליקלעכער וועלט איך נעם אַרוּם.

27

די שלאַנג פֿון דעם פֿאַרלוירענעם גן עדן, דער נחש הקדמוני
אַרויפֿגעקלעטערט האָט איצט אויף אַן אויסטערלישער הויך,
און וווּנדער־איבער־וווּנדער — ממש ס׳איז צום שטוינען,
ווי קלעטערן מען קאָן און דווקא אויף אַ בויך.

די שלאַנג האָט אַזש צום אָדלער־נעסט דערקלעטערט,
זי קרייזט מיט גיפֿט־צונג, און זי שפּרעכט אַ שפּרוך מיט קלאַפּער־קול,
און חוזקט אָפּ פֿון אַלץ, און הויכקייט שמעטערט,
באותות ומופֿתים ווייזט זי: שמוציק איז קרישטאָל!

און אָט — אַרומגעשלאַנגט דעם קיניגלעכן אָדלער גופֿא
מיט קריכעדיקער קלעפּיקייט פֿון בלאָטע־גוף —
הערט באַרג און טאָל איר יובֿלען, איר נצחון־רופֿן,
און שטייט אין הינהערפֿלעט געפֿלעפֿט, און טיף געפּרוווט,

עס ווערט געגאַפֿט אויף נידערגאַנג פֿון „דרך ארץ״,
ווי ס׳פּרוּווט די שלאַנג אין כּשוף־קרייז פֿון שרעק
דעם אָדלער – אונדזער שטאָלץ – פֿאַרוואַנדלען אין אַ שרץ
מיט אוממאַכט גוואַלטיקן, ווען אַלץ האָט זיך געעקט.

28

איך שטיי אויף גרעניצן, פון יעדער זייט געטריבן:
פון מזרח, און פון מערב, און פון צפון, און פון דרום –
און אַרום מיר — קיין סימן ליכט איז אויסגעבליבן,
ס׳איז אויסגעלאָשן אַלץ אין דעם שגעונות־לעפּראָזאָריום.

ס׳איז איטלעך וואָרט פון זיי — צרעת, פאַרניכטונג,
און סיפיליטיש פאַלן פוילקייטן – פון גאַנצע תקופות שטיקער,
און גרעניצן — אַרום, און קרעציקייט אין יעדער ריכטונג.
קיין שום פּאָרויס אין ערגיץ נישט, און קיין צוריקקער.

מיליאָנען גייען אויס אויף אָט די גרענעצן געזאַמלט
מיט טויט פאַמעלעכן פון דעם יסורימדיקן עלנט,
בעת די מכלומרשטע גוטהאַרציקייט דערשראָקן שטאַמלט,
און קריכט אין הינטישע קאָנורעס, אויף די הינטערפיס זיך שטעלנד.

איך שטיי אויף גרעניצן – דעם הונגער־טויט געשלײדערט צום פּאַרצופן.
צעווישן גרעניצן איך שטיי, געביטשט פון די צרעת־זאַוויערוכעס.
עס יאָגן צוג־ווינטן, וואָס טרייבן אָן מבולבלדיקע צוגן
פון גרעניצן מיט יעמערלעכן פייפן־געניצן — צו אַלדי־רוחות!

1938
SZWARC

1938
SZWARC

29

די צייט האָט אָנגעהאָנגען מיר אויף האַרץ אַ שטיין אַ שווערן,
און איך באַפֿעל איז צו מיין אויסגעלאַנגלאָזן דור:
ווען ס׳איז נישטאָ ווער האַרץ און מוח זאָל דערהערן —
טאָ וואַרף אין וואַסער טיף דאָס האַרץ, צו אַלדי שוואַרצע יאָר!

עס זענען קיין דערקלערונגען נישט גילטיק, קיין תּירוצים
מיט סברות און פֿאַרענטפֿערונגען כּלומרשט קלוג,
דער שוואַרצער יאָר — צי אירק אים חניפהדיק, צי דוזק אים —
ער האָט דיך מיט דיין לייב און לעבן, מיט דיין האַרץ — געננוג!

אויף אויסבּרוך פֿון דער פֿוריע איז נישטאָ קיין תּירוץ,
אויף פֿעלקישע שגעונות, ווען די אַלע, ווי איין מאַן,
פֿאַרוואַנדלט ווערן אין אַ מוקצה־מחמת־מיאוסן שרץ,
צי גאָר אין אויפֿגעקאָכטן שוועבל־עיפּושדיקן האַס־ווולקאַן.

מיין אָרעם האַרץ מיט שווערן שטיין, וואָס אָנגעבונדן,
מיט ווייי און קלעמעניש, וואָס האָט קיין גרעניץ און קיין שיר,
ווען אין דער וואַסער־טיפֿעניש די ווּ עס ט שוין זיין פֿאַרשוווּנדן,
צי וועל איך אויף א י י ן רגע קאָנען אויסקומען אָן דיר?!

30

ס׳ווערט גאָרנישט דאָך פאַרפאַלן, גאָרנישט נעלם
אין אומאויפהערלעכן געשיכטע־גאַנג,
און כאָטש מיט כישוף־שפרוכן און באַשווערונגען פאַרשטעל אים,
קומט אָן צוריק דער ווייט־געצילטסטער בומעראַנג.

ס׳קערט אום זיך בליק און קלאַנג — דורך ווייטן עכאָ
צוריקקומט יעדער טאַט מיט עונש און מיט שכר,
די לעסטערונג צוריקטרעפט דעם פאַרשוועכער,
מיט נאַרישקייט עס ווערט באַצאָלט דעם נאַר.

נאָך נישט געווען דער פאַל פון אומגערעכטער שוינונג,
נאָך נישט געווען דער פאַל פון דורכגעהיפטער שטראָף:
צי פרי, צי שפעט — יאָ, צו דער צייט וועט קומען די באַלוינונג!
ס׳איז נישט אמונה בלויז, בטחון און פאַרהאָף.

דאָס איז ג ע ז ע ץ — געזעץ פון קיום אַלט און נייעם,
וואָס שטאַרקער איז פון דעם מלחמה־שטאָל,
די עוולה באַצאָלט ווערן עס וועט כפל כפלים —
צום לעצטן סוף — צום לעצטן מאָל!

נישט איך האָב אויסגעוועקט אין אייך די חיה רעה,
נישט איך האָב אייך צום ווילדסטן גורל אייערן דערפֿירט,
נישט איך האָב אייך באַשאָנקען, נישט אויסגעצייכנט פֿאַר דער גזלאָוואַיע
נישט צוליב מיר איר וואָיעט פֿונם זין געריירט!

נישט איך אויף אייך געצייכנט האָב דעם קין־צייכן,
נישט איך געבראַכט האָב פֿעלקער אייערע צו שאַנד,
נישט איך געטאָן האָב מוחות אייערע פֿאַרווייכן,
נישט איך געמאַכט האָב צום פֿאַרלירן אייך ס׳פֿאַרשטאַנד!

נישט איך געמאַכט האָב פֿוסטקייט אייערע צום רעש׳ן,
נישט איך פֿאַרקנעכט האָב פֿעלקער צו איין מאַן,
נישט איך בכוח בין די חרפּה פֿון דער תּקופֿה אָפּצוּוואַשן —
נישטאָ אַ ים אַזאַ — אַזאַ־מין גרויסער אָקעאַן!

הייַנט ווי זשע זאָל איך האָפֿן אין מײַן טיף רחמנות,
אַז אָנקומען עס קאָן אויף אייך אַן אויפֿלייכט אויף דאָס נײַ,
אַז כ׳קאָן שוין אייך נישט העלפֿן, און בחנמדיק מײַן טאָן איז —
ווען כ׳וויל אפֿילו טאָן אויף וועלט און זיך מיט בלוט אַ שפּײַ!

31

נישט איך האָב אויפגעוועקט אין אייך די חיה רעה,
נישט איך האָב אייך צום וויסטן גורל אייערן דערפירט,
נישט איך האָב אייך באַשאָנקען, נישט אויסגעצייכנט פאַר דער גזלאָוואָריע,
נישט צוליב מיר איר וואָרעט פונם זין גערירט!

נישט איך אויף אייך געצייכנט האָב דעם קין־צייכן,
נישט איך געבראַכט האָב פעלקער אייערע צו שאַנד,
נישט איך געטאָן האָב מוחות אייערע פאַרוויכן,
נישט איך געמאַכט האָב צום פאַרלירן אייך ס׳פאַרשטאַנד!

נישט איך געמאַכט האָב פוסטקייט אייערע צום רעש׳ן,
נישט איך פאַרקנעכט האָב פעלקער צו איין מאַן,
נישט איך בכוח בין די חרפה פון דער תקופה אָפּצוּוואַשן —
נישטאָ אַ ים אַזאַ — אַזאַ־מין גרויסער אָקעאַן!

היינט ווי זשע זאָל איך האָפן אין מיין טיף רחמנות,
אַז אָנקומען עס קאָן אויף אייך אַן אויפלויכט אויף דאָס ניי,
אַז כ׳קאָן שוין אייך נישט העלפן, און בחנמדיק מיין טאָן איז —
ווען כ׳וויל אַפילו טאָן אויף וועלט און זיך מיט בלוט אַ שפּריי!

אין טיר און טויער קלאַפּט פאַרצווייפלט אָנזאָג פונם קריג,
בעת קינדער ווערן אויסגעוויגט אין שנאה,
בעת די פאַרנונפט געבראָכן האָט זיך האַלדז און דעם געניק,
און אַ פאַרגוואַלטיקטע איז זי אַוועק צו דעם שגעון דינען —

מיט האַרץ און אויגן קוק איך אויפגעריסן,
ווי אונדזער צייטיקע, ב אַ י אָ ר ט ע צייט
עס שפּילט זיך אין מטורף־שפּיל אין מיאוסן,
און ווי דעם מיטלאַלטער שלעפּט מען פון אַ־יעדער זייט.

דער פּחד נעמט מיך אום, ווען כ׳זע זיך אָפּגעזונדערט,
ווען כ׳ווער פון זיי, די אומגליקלעכע, אויסגעטיילט —
אָ, ווען איך קאָן אַריינוואַרפן צו אייך די זון דאָרט,
אַז אויפרייסן זאָל האַס־געשוויר, און ווערן זאָלט איר אויסגעהיילט!

אָ, ווען איך קאָן עס טון — נישט בלויז אין חלומען און טראַכטן,
און ז ו ן פ ו ן ש כ ל ברענגען אייך פון לויטערן פון קוואַל —
ווען איך אַליין קאָן פּטור ווערן פון מיין עקל און פאַראַכטונג,
אָ, ווען איר קאָנט אַנטלאַסטן מיך פון סם־המות־גאַל!

33

באַוויַיזט דעם נס: יאָרטויזנטער צו פֿראַווען גלות,
אין וואָגלען צווישן פֿרעמדקייטן און נויט!
ס׳איז נישט קיין מעשהלע, וואָס הייבט זיך אָן מיט „אַן אמאָל איז",
נאָר שטענדיק און אויך איצט באַגלייט אונדז שאָטן פֿונעם טויט!

ער לאָזט נישט אָפּ, און קוקט אונדז שטענדיק פֿון די אויגן,
דער פּחד גרייט אונדז נאָך אין אונדזער דרך טריט נאָך טריט,
קאָשמאַר, דער בייזער חלום ווערט ביי אונדז — געשטויגן און געפֿלויגן,
און פּיין און שרעק מגולגל ווערן אין דער תּפֿילה און דעם ליד.

ווי אײדעלן מעטאַל איז פֿרעמד דאָס פּרעסטעניש פֿון זשאַווער,
און אויף דעם פּלאַם געגליט עס זוניקט זיך צו ריַיניקייט דאָס גאָלד,
אַזוי מיר גליען נאָכאַנאַנד אין דער אהבה־תּאווה,
און ס׳לעבן און די פֿרייד מיר האָבן איבער אַלעם האָלט!

צי וואָלט איר דען געוואָלט מיט אונדז אין גלות גיין, איר אַלע,
און וואָגלען, ווו די קדושה פֿון דעם מענטש באַפֿעלט?
צי וואָלט איר דען געקאָנט אויך זען, ווי צו משיחות ווערן מיר נתגלה?
צי וואָלט איר אַזאַ מזל אויסגעוועלט?!

34

מײַן ברודער אָרימער, באַבילט פון אַלע כּלבים דולע,
מײַן מידער ברודער, וואָס באַשפּיגן ביזט מיט גיפט,
מײַן שטילער ברודער, וואָס פון האַרץ פון דײַנעם דעם יסורים־פולן
דאָס בלוט פון צער דיר אומאויפהערלעך טריפט —

צי האָסטו נישט געזען אַ וועלט — אין כּישופֿ פון לבֿנה,
ווען גאָט און מענטש און אַלץ פאַר דיר געווען איז כּולו מאַי,
צי דאַרף איך דיר די ליבשאַפט דײַן דערמאָנען,
אַז דו געדענקסט זי גוט, און איצט זי לעבט נאָך סײַ־ווי־סײַ?

און צי געדענקסטו נישט, אַז ווען אין נעצן פון די שטערן,
אין תּכלת־ליכט פון נאַכט דו ביזט געהילט —
דערהערסטו אָפּט די שיכּור־טריט, וואָס חלום בלוי צעשטערן,
דערהערסטו אומווירדיקע שנאָה, רוגזדיק צעבילט —

דו גייסט מיט דער געליבטער דײַנער – מיט דער וועלט געאָרעמט,
בעת ס׳טוט אַ מיאוסקייט דער שיכּור׳ער אינמיטן גאַס –
צי קענסטו בײַז זײַן אויף זײַן אָרעמקייט געוואָרעמט,
צי קאָנסטו זיך דערפון באַליידיקן און זײַן אין כּעס?!

35

אין שייטערהויפנס פון דער שרעק דערווידער ווילן אונדזערן געוואָר

געטריבן אין די פלאַמען פון אַ־יעדער מערדערישער שלאַכט,

מיר ווייסן דאָס, וואָס וויסן אַלע וואָלטן עס באַדאַרפן,

וואָס האָבן איבער גאַנג פון אייביקייט מיט אויגן אָפענע געוואַכט —

אין שייטערהויפנס פונם פיין, דורך שטורעם פונם האַס געטריבן,

פאַר תמיד, תמיד, תמיד אומגערעכטער זאַך,

וואָס קאָנען אויפטון מיר, די אפשר איינציקע אין לעבן־ליבן?

וואָס ווייסט פון ימים־טיף די אויפגעשטורעמטע די פלאַך?

אין שייטערהויפנס פונם צער מען וויל אונדז צו דעם אַש פאַרוואַנדלען

די אוממעכטיקע גליען אונדז — צו זייער ווייסטער שאַנד,

די בלינדקייט זייערע — ווי טרויעריק — ווערט מיסטעריעזע האַנדלונג

און מיט דער אוממאַכט פירט די מערדערישע האַנט.

אין שייטערהויפנס די צעפלאַקערטע פון שנאה־תאווה

עס ווערט דער אמת הייליקסטער פאַרקרימט און אומגערעכט —

ווי לויפן איצט פון זיך, ווען ס׳יאָגט דער האַס, די פייער־לאַווע

פון דעם ווולקאַן — די אויפגעוועקטע רוחות־נעכט?!

35

אין שייטערהויפנס פון דער שרעק דערווידער ווילן אונדזערן געוואָרפן,
געטריבן אין די פלאַמען פון אַ־יעדער מערדערישער שלאַכט,
מיר ווייסן דאָס, וואָס ווייסן אַלע וואָלטן עס באַדאָרפן,
וואָס האָבן איבער גאַנג פון אייביקייט מיט אויגן אָפענע געוואַכט —

אין שייטערהויפנס פונם פייַן, דורך שטורעם פונם האַס געטריבן,
פאַר תמיד, תמיד, תמיד אומגערעכטער זאַך,
וואָס קאָנען אויפטון מיר, די אפשר איינציקע אין לעבן־ליבן?
וואָס ווייסט פון ימים־טיף די אויפגעשטורעמטע די פלאַך?

אין שייטערהויפנס פונם צער מען וויל אונדז צו דעם אַש פאַרוואַנדלען:
די אוממעכטיקע גליען אונדז — צו זייער וויסטער שאַנד,
די בלינדקייט זייערע — ווי טרויעריק — ווערט מיסטעריעזע האַנדלונג,
און מיט דער אוממאַכט פירט די מערדערישע האַנט.

אין שייטערהויפנס די צעפלאַקערטע פון שנאָה־תאַווה
עס ווערט דער אמת הייליקסטער פאַרקרימט און אומגערעכט —
ווי לויפן איצט פון זיך, ווען ס׳יאָגט דער האַס, די פייער־לאַווע
פון דעם ווולקאַן — די אויפגעוועקטע רוחות־נעכט?!

איך הער גענוי און בולט איצט דאָס ציילן פון די רגעס,
דאָס קלאַפּן דאָס מעכאַנישע, דאָס אָפּגעמאָסטענע אָן זין —
איך ווייס עס נישט אויף קלאָר, נאָר כ׳פֿיל אויף מיינע טעג איז
אַוועקגעשטעלט אויף לויער — אַ טייוולשע מאַשין —

איך זע עס נישט, אויף וועלכער שעה ס׳איז אָנגעשטעלט דער זייגער,
נאָר כ׳אַן, אַז אָנגעלאָדנט די מאַשין עס איז מיט גרויל,
אַזאַ איז פון טאָג־טעגלעכקייט דער גאַנג און שטייגער,
וואָס לאָזט קיין פּאַרע נישט פאַר שרעק אַרויס פון מויל!

אָט באַלד וועט זי דאָך אויפרייסן, מיט דעם שגעון עקספּלאָדירן,
ווער ווייסט — מיט גאַזן פון געיאָמער, צי גאָר געלעכטער־דינאַמיט,
אָט בלייב איך שטיין, און קאָן זיך פון דעם אָרט נישט רירן:
די טייוולשע מאַשין עס איז אין מיר שוין אין דערמיט —

באַלד קאָן׳ס געשען — בעת אויסגאַנגלאָזיקייט אַ יעדער וועג איז —
באַלד קאָן׳ס געשען — אין בלוט ט׳צושפּריצן זיך מיין יעדער גליד —
איך הער גענוי און בולט ס׳ציילן פון די רגעס:
צי ווייסט איר נישט, אַז פּונקט אין מיטן אייך עס שטייט דער ייד?

37

נישט איטלעכער עס האָט געהערט אַוודאי
די אויסטערלישע הייליקע באַלאַדע פון דער וואָר:
געווען איז׳ס בעת אַ גיהנומדיקער קאַנאָנאַדע
אין איינעם אַ פֿאַרשאָלטענעם, אַן אומגעקומענעם מלחמה־יאָר.

אין איינעם אַזאַ יאָר, וואָס חסר דעהדיקע זינגערס עס באַזינגען
אין האַרץ־געלוימטקייט, אינם אומזין און אין מענטש־פֿאַראַט,
געשטאַנען איז די שטאָט געקלעמט אין פֿייער־רינגען,
און ערד און הימל האָט געפֿלאַקערט אינם חשך —

אין אַלע זייטן האָבן טויט געזייט די אומשולדיקע תמים־שונאים,
מיט בראַנד און פֿייער האָט געשפּיגן קריג און נאַכט
דעם מלאך המות אין זיין גרוויזאַם־ביינערדיקן פּנים —
האָט ביקס און קוילנוואַרפֿער און האַרמאַט שגעונדיק געלאַכט.

אָ, דעמלט—אין דערזעלבער צייט—דעם האַס, וואָס נישט פֿאַרענדיקט נאָך איז,
וואָס ס׳ווייסט דער טייוול נאָך, ווי לאַנג עס איז זיין שיר —
עס האָבן זקנים, ווי להכעיס געלערנט אין ס׳בית מדרשל ס׳מסכת ברכות —
זייטס מוחל אונדז: דאָס קאָנען דווקא — מ י ר!

37

נישט איטלעכער עס האָט געהערט אַוודאי
די אויסטערלישע הייליקע באַלאַדע פון דער וואָר:
געווען איז׳ס בעת אַ גיהנומדיקער קאַנאָנאַדע
אין איינעם אַ פאַרשאָלטענעם, אַן אומגעקומענעם מלחמה־יאָר.

אין איינעם אַזאַ יאָר, וואָס חסר דעהדיקע זינגערס עס באַזינגען
אין האַרץ־געליימטקייט, אינם אומזין און אין מענטש־פאַרראַט,
געשטאַנען איז די שטאָט געקלעמט אין פייער־רינגען,
און ערד און הימל האָט געפלאַקערט אינם חשך —

אין אַלע זייטן האָבן טויט געזייט די אומשולדיקע תמים־שונאים,
מיט בראַנד און פייער האָט געשפיגן קריג און נאַכט
דעם מלאך המות אין זיין גרוויזאַם־ביינערדיקן פנים —
האָט ביקס און קוילנוואַרפער און האַרמאַט שגעונדיק געלאַכט.

אָ, דעמלט — אין דערזעלבער צייט — דעם האַס, וואָס נישט פאַרענדיקט נאָך איז,
וואָס ס׳ווייסט דער טייוול נאָך, ווי לאַנג עס איז זיין שיר —
עס האָבן זקנים, ווי להכעיס געלערנט אין ס׳בית מדרשל ס׳מסכת ברכות —
זייטס מוחל אונדז: דאָס קאָנען דווקא — מיר!

38

צום אָנהויב איז דאָס וואָרט געווען, וואָס טאַט עס איז געוואָרן,
די בריאַת עולמדיקע, שעפּערישע, לעבעדיקע טאַט,
מיט פלאַמען־פייערן עס האָט אַרויסגעשלאָגן פונם דאָרן,
ווו — גאָט זיין הייליקייט און רו עס האָט געהאַט —

דערנאָך האָט וואָרט געפּרוכפּערט זיך, געמערט זיך,
בהדרגהדיק געוואָרן אויסגעצערט און אָפּגעוועלקט, און אויסגעבלאַסט,
און איצטער גוססן די שטאַרקסטע: לא תגנוב און לא תרצח,
די דברות צען אַראָפּגעגעטערטע מיט פייער־האַסט!

אַצינד אַ־יעדער וואָרט דורך שקר באַלד איז אָפּגעריבן,
און זינקט אין הפקרשן, אין אומברחמנותדיקן זנות,
ווען ס׳זאָל און דאַרף באַדייטן אונדזער קדושה, אונדזער ליבע –
דאָס וואָרט פאַרליגנערישטע אונטערגיין עס מוז!

און דאַן ערשט, אויפדאָסניי איבערגעשמידט, איבערגעבוירן,
עס וועט אַלפעלקיש פונם כאַאָס דונערן אַ כאָר,
אַריבער אַלדי־פינצטערניש און עלנטקייט און מורא
אַ נישט־געוועזענעם און נישט־געזעענעם: יהי אור!

קאָן זיין דער משפּט איז גערעכט — ס׳קומט אונטערגאַנג אונדז אַלע,
קאָן זיין — נישט איבערטריבן איז דער האַרבער איצטיקער גזר דין,
קאָן זיין — נישט העלפן וועט קיין טענה און קיין יעלה,
דער לעצטער אורטייל איז — אַ טויט דעם מענטשן־מין!

נישטאָ קיין ווידערשטאַנד — אַזוי געפּסקנט איז — פאַרפאַלן,
דער אונטערגאַנג קומט אָן מיט גייסטלעכן און תּליון — האַנט ביי האַנט,
אויף אַרבע מיתות בית דין די ברוטאַלע
איז, דאַכט זיך, צוגעגרייט איצט פאָלק און לאַנד.

נאָר אצבע אלקים עס שיקט נישט איצט קיין מבול,
און נישט דורך בליץ און דונער נענטערט זיך דער פּסק,
אויף וועלכן ס׳איז דער חוטא אומשולדיקער גרייט, קאַפּאַבל —
געהויבן איז אויף אונדז נישט שאַרף פון שווערד און האַק —

נאָר פון אָראַנגוטאַנג אַ האַנט — אַ האָריקע, אַ רויע —
זי ווערגט ביים האַלדז, מיט שטאָלן־נעגל אונדז די אויגן שטעכט.
ווי, דערטרונקען ווערן אין אַ זומפּ פון אומצוכט און פון צואה —
אַ שטראָף אַזאַ די שרידי פּליטה פונם מענטשן־מין פאַרשוועכט!

40

אין יאוש מיינעם פאַר דער שפלות, פאַר געפאַלנקייט פון מענטש־מחבל,
איך פאַל אַוועק אין אומנחמהדיקייט פון די חושך־נעכט:
אָ, ליבער גאָט, שיק דאָ אַראָפּ אויף אַלעמען אַ מבול,
אויף אָפּצושווענקען אַלץ, וואָס איז פאַרווילדעוועט און שלעכט!

אַ מבול זאָל איצט זיין — עולמות אַלע מעגן חרוב ווערן —
קיין תבה׳ס דאַרף מען נישט — אַפילו פאַרן חלום און געדאַנק,
פאַרטרונקען ווערן מעגן זון, לבנה, שטערן —
זאָל קומען, טאַטע הימלדיקער, וויסטער אונטערגאַנג!

אַז דורכגעזאַפּט איז ערד מיט שקרים, בלויזן ליגן,
און בלוט געוויקט איז אַלדאָס לעבעדיקע אויף דער ערד:
אַזעלכע אומגעלומפּערטע מפלות און נאָך נאַרישערע זיגן —
אַז אַלץ, וואָס גלייך — איז האָפנונגסלאָז איבערגעקערט!

נאָר וועט דען מבול העלפן, טאַטע האַרציקער, דו, טאַטע־פאָטער,
און ווידער האָסטו צוגעזאָגט — אַ מבול וועט נישט זיין,
טאָ שיק אַראָפּ דעם מענטש אין דורשטיקייט אין זיינער טל ומטר,
און צו דעם דיכטער ניכטערן — די טראָפּנס שיכרות־וויין!

דער גורל אונדזערער האָט אָנגעטון אײַך גלויבן־ברילן:
— דורך דעם־אָ גלאָז געשליפֿענעם, איר װעט דעם גאָט דערזען —
איר װעט דערמיט דעם דורשט פֿון מענטש און זײַן באַשטימונג שטילן,
און נסים — נסים איבער נסים װעט איר נאָנט לעם זיך דערזען!

איר װעט אױף בערג אַרױפֿשטײַגן פֿון טאָלן פֿלאַכע,
און הױך װעט איר באַגרײַפֿן, װאָס ס׳איז גליק,
איר װעט געניסן פֿון דער פֿרײד: ואָהבֿת לרעך,
און דאַן פֿאַרגעסן צו דער חיה רעה אײַער װעג צוריק —

נאָר צו דער חיה׳שקײט צוריק עס ציט די שקלאַפֿן,
צום קלעטערן אױף פֿלאַך פֿון דר׳ערד — אױף אַלע פֿיר —
און מיט די ברילן מאַכן נאָר אַן אָנשטעל בלױז צו אַפֿן,
אין זײער בלינדער בלענדעניש, װאָס איז אָן שיר!

זײ טראָגן זײ אױף בױך און הינטן און אױף שמאָלן שטערן,
און שמעטערן אױף פּיצלעך זײ אױף שאַרף און טעמפּ פֿון שטײן,
און אין די װעגן פֿונם זען און הערן דרכים פֿון מזלות־שטערן,
בלײַבן װײַטער מיר פֿאַראײנזאַמטע אַלײן.

42

זיצן זיי אַלכעמיקער פון אונדזער פינצטערער בהלה —
און שטויסן ציינער וועלפישע אין סטויפּן פון דער שרעק,
און אמתן און שקרים די צעשטויסענע זיי מאָלן —
משלחתן, פאַרשלעפּטע קרענק און קאַליקעס און שלעק.

זיצן זיי — אַלכעמיקער — און דרייען איבער רעדער פון געשיכטע,
און ברעכן אַקסן, ליגן שווערע שטיינער אויפן וועג —
פון מוחות זייערע עס הויבן שטויבן זיך געדיכטע,
וואָס יעדער סימן ליכט פאַרשיטן זיי אין אונדזערע די טעג.

זיצן זיי — אַלכעמיקער ·· און קאָכן סמ׳ען אין רעטאָרטן,
די צינדער, אונטערצינדער פלעמלען שלאַנגען־האַס,
און ליגן פאַר דער וועלט אַרויס געשפּרענקלט־שולערישע קאָרטן,
און דראָען, קראַקען, וואָרענען: זייט וויסן — „אויב, און אַז״ —

און אַז אַמאָל־אַמאָל מען האָט גערודפט כישוף־שווינדל
און די אַלכעמיקער צו זייער שקר און צו חרפּה צוגענאָלט —
דאַן גילט היינט שטיין דער פילאָזאָפישער פון זיי און קינדלט
מיט שפיכת דמים, מענטשן־לעסטערונג, באַגילדט — מיט פאַלשן גאָלד!

זאָל נקמה זיין עס איצט — צווייטויזנטיאָריקע די ראָסטן,
וואָס פֿרעסן אויף די וואָרצלען פֿון דער ליבשאַפֿט־בלום,
דערפֿאַר, וואָס שאול פֿון תּרשיש — פּוילוס דער אַפּאָסטאָל
האָט טראָציק אויסגערופֿן: „ציוויס ראָמאַנוס סום”?

אָ, איצטער וואָלט עס זיכער נישט געקאָנט פּאַסירן
אין שטאָט דער אייביקער, נאָך קנאַפּ צוויי טויזנט יאָר,
אין שוואַרצן רוים, ווּ אויסגעשפּריט האָט זיך די כּפּרה,
און פֿירט צו חרפּה דעם פּלעבעאישן דעם טפּשות־דור!

ווען איצט פֿאַרהערט ער ווערט, דער גאָטהייט־בירגער פּוילוס,
און ער דערקלערט, ווי דעמלט: — בירגער כ׳בין פֿון רוים,
וואָלט חוזק אים דאָך אויסגעלאַכט אויף קולי קולות,
און מיט אַ שטריק מען וואָלט געפֿירט אים צו אַ בוים —

טאָ זאָל׳ס נקמה זיין נאָך יאָרן די צוויי טויזנט,
אין דעם פֿאַרמעסט פֿון וואָלף דעם רוימישן און גליל־לאַם,
וואָס לעת עתּה קאָנען נישט אין רוים און צירט צוזאַמען הויזן,
בעת ראָסטן פֿון יאָרטויזנטער פֿאַרמעסטן זיך אויף פֿייער־פּלאַם!

44

יאָ, ברודער מיינער, גיב דיין האַנט — איך וועל זי האַלטן,
און מיט דער אנדערער פֿאַרשטעלן וועל איך דיר דיין בליק,
פֿאַר קוקן אינם גרויל דיין בליק איך וועל באַהאַלטן
דיין בליק, וואָס זומט, ווי אין די שפּינעכצן אַ פֿליג —

דיין בליק איז פֿון אַ לאַם, אַזוי דערשראָקן,
דיין פּחד אַ בהמהשער: — וואָס איז דאָ וואָס געשען?
דו ווייסט עס נישט: פֿאַרוואָס, פֿאַרוואָס עס שטומען די אַלאַרם־גלאָקן?
דאָס גיהנום פֿאַר דיין אויג — צום ערשטן מאָל דערזען.

ביזט בלינד און טויב געווען אויף אַלע עבר־זעאונגען און קולות,
און ס'האָט דיין חיי־שעה פֿאַרשטעלט פֿאַר דיר דעם עתיד־וועג,
דעריבער—שרעק אוממענטשלעכע, דעריבער כּפֿול־שמונהדיק דער גרויל איז
אין מיינע און ממילא דיינע אפשר לעצטע טעג...

איך ווייס אָבער פֿאַרוואָס, פֿאַרוועז, און ווי ס'ט'זיך אויסגעשטאַלטן,
איך ווייס דעם סוף דעם אומפֿאַרמיידלעכן פֿון אַלדאָס־בייז —
יאָ, ברודער מיינער, גיב דיין האַנט, איך וועל זי האַלטן,
ווען אומשולדיקע שולד פֿון דיר עס טרינקט זיך אינם אַנגסטן־שווייס.

4

יאָ, ברודער מיינער, גיב דיין האַנט — איך וועל זי האַלטן,
און מיט דער אַנדערער פאַרשטעלן וועל איך דיר דיין בליק,
פאַר קוקן אינם גרויל דיין בליק איך וועל באַהאַלטן
דיין בליק, וואָס זומט, ווי אין די שפינעכצן אַ פליג —

דיין בליק איז פון אַ לאַם, אַזוי דערשראָקן,
דיין פחד אַ בהמהשער: — וואָס איז דאָ וואָס געשען?
דו ווייסט עס נישט: פאַרוואָס, פאַרוועון עס שטומען די אַלאַרם־גלאָקן?
דאָס גיהנום פאַר דיין אויג — צום ערשטן מאָל דערזען.

ביזט בלינד און טויב געווען אויף אַלע עבר־זעאונגען און קולות,
און ס׳האָט דיין חיי־שעה פאַרשטעלט פאַר דיר דעם עתיד־וועג,
דעריבער—שרעק אוממענטשלעכע, דעריבער כפול־שמונהדיק דער גרויל אין
אין מיינע און ממילא דיינע אפשר לעצטע טעג...

איך ווייס אָבער פאַרוואָס, פאַרוועון, און ווי ס׳ט׳זיך אויסגעשטאַלטן,
איך ווייס דעם סוף דעם אומפאַרמיידלעכן פון אַלדאָס־בייז —
יאָ, ברודער מיינער, גיב דיין האַנט, איך וועל זי האַלטן,
ווען אומשולדיקע שולד פון דיר עס טרינקט זיך אינם אַנגסטן־שווייס.


Lewin 39


Lewin 36

עס מיט זיך איטלעכער אויף שטייגער אייגענעם דעם יאוש אָפּצוּוווענדן:
טוּ איך עס דורך די שיפּבּרוּך־רעשטלעך האַפּענונג און טריעסט.
און ער — מיין שוואַרצער בּרוּדער — דערציילט זיך אַ לעגענדע
פון דעם, למשל, וואָס דער יושר זיינער אים דערציילן הייסט:

— אַנוּמלט איז׳ס געווען, אין וויטער צייט פון מעשה בראשית —
דערציילט ער — אָדם וחוה, קין, הבל — אַלע זענען שוואַרץ געווען
אַזוי ווי איך אַצינד, מיין ווייסער פריינט, אויף זיכער כ׳ווייס עס!
איך האָב עס אין דער זעעניש פון חלומען געזען —

און ס׳איז געשען אַזוי — אַז שוואַרצער קין האָט דערהרגעט הבל שוואַרצן,
און גאָט ברוך הוא, ווו הבל איז — האָט אים געפרעגט,
איז מערדער־בלוט אַנטרונען קרנען פון קאָפּ און האַרצן,
און בלייך און ווייס האָט ער זיך מיט זיין חטא געקרעקט —

פון דעמלט אָן די פחד־בלאַסקייט טרעט נישט אָפּ פון דעם רוצח,
און די בני קין זענען נאָך עד היום מערדער ווייס,
בעת מיר, די זין פון הבל, וויי - אַז אָך־און־וויי־אייך —
מיר זענען די קרבנות — זיין ברודער־פרעסערישע שפּייז!

46

ס׳גליט אומעטום די ערד אַרונטער מיינע טריט,
און אומעטום ברענט שרפהדיק דער הימל,
ס׳איז הימל־און־ערד און דער פאַרפלוכטער ייִד –
ס׳איז קויט און אומצוכט, פוילעניש און שימל.

איך קוק זיך אָן — אַ ווילדע רעטעניש אַליין —
אַליין איך קוק זיך אָן אויף בייזן ווונדער:
צי בין איך גרויס אַזוי, צי אפשר אַזוי קליין,
איך — די רעטעניש פון דעם משוגענעם יאָרהונדערט?

אין מספר קליין, פון אומעטום פאַרלוירן,
זאָל איך דער הייוון זיין, וואָס טעמפקייטן עס ברויזט,
זאָל איך עס האָבן די נישט־דאָ־געדאַכטן אויפגעוויירן,
און אַלע נישטיקייטן צו אַ יש געגרויסט?

זאָל איך עס זיין פון גיהנום־אומגליק דער פערמענט,
און טאַקי אָט דערפאַר, וואָס זיך אַליין פאַרגעס איך —
איך, וואָס קלאַפּ אין שערי רחמים מיט די אומבלוטיקע הענט,
איך, וואָס שטיי ביים אויסליין־טיר כעני בפתח?!

47

מיר האָבן זיך אַנטקעגן קיינעם נישט פֿאַרשוּלדיקט, נישט פֿאַרזינדיקט!
ווער איז דער נזיר דער, וואָס וואַרפֿן מעג אויף אונדז אַ שטיין?
האָט שקר כּוח דען, אַראָפּצוּבּרענגען אַ דערפֿינדונג,
וואָס זאָל דערווייזן, אַז גערעכט איז ער, נאָר ער אַליין?

אין וויפֿל נייע שליערן פֿון רעכט און יושר זאָל ער זיך נישט הילן,
און וויפֿל טומאה־אויסבּרוכן דערקלערן — קדוש, טהור, ריין —
פֿאַרבּלייבּן מיר אַן עם קשי עורף, און אויף שדים־שפּילן
ענטפֿערן פֿאַרצווייפֿלט מיר, אָן צווייפֿל — ניין, און ניין!

קיין אינקוויזיציע־שענדיקונג וועט קיינעם אָסור בּרענגען נוצן:
נישטאָ אַ קראַפֿט אַזאַ, וואָס אשפּה זאָל פֿאַרוואַנדלען אינם גליק,
און אויבּ אַזוי — אומזיסט די טרחא — מיר — מיר זענען נישט מרוצה,
דעם יאָך פֿון אונדז — די דבֿרות צען מיר וואַרפֿן נישט צוריק!

מיר האָבּן נישט געזינדיקט קעגן קיין שום עם ולשון,
ס'איז קלאָר — מיר האָבּן גוטס געזייט אין זייער רובֿ,
נאָר זיך אַליין מיר האָבּן בּיז צום אומזין אויסגעלאָשן,
און אָט דערפֿאַר מיר קומען אָפּ פֿאַר אַלעמען די שטראָף.

48

ס׳איז קלאָר — ווען זקנה־וועלקעניש אַרײַן איז אינם מענטשן־גלויבן
און ליבשאַפט־טאַט געוואָרן — אָפּגעפּאַלן טרוקן בלאַט,
האָט סריסות די אַלפעלקישע די פּוסט דערהויבן,
און דברי הימים אונדזערע עס זענען — בלויז פּאַראַט!

דערהויבן איז די האַנט אַכזריותדיקע פונם סריס,
די נוקם ונוטרדיקע, שרצדיקע מערדער־האַנט,
און אַלע סברות וועגן דעם, וואָס שקר און וואָס וואָר איז,
אין דער ערבוביה — איז אָפּגעשפּילטער און פאַרלאָשענער פאַרשטאַנד.

שטרוימט לאַנד אויף לאַנד מיט דראָונגען פון אַרבע מיתות —
איין מיתה פאַר דער אַנדערער איז מיאוסער אַלץ מער:
אויף עובר בטלדיקייט אויפגעהויבן איז די האַנט פון סריסות,
און באַלד וועט זי אַראָפּלאָזן דעם טויט־קלאַפּ שווער.

ווער וועט זי אָפּווענדן, די פּוסט די אומגעלומפּערטע ברוטאַלע,
פון וועלכן הימל וועט אַ דונער אין פאַרמעסט אין פּרוכטלאָזן אַרײַן —?
קום, אומקום — אונטערגאַנג – אָ, בואי כלה —?
קום אויפבלי נאָך דער זקנה־וועלקעניש אין געטער־שײַן!

49

דאָס ווייסן מיר — און אפשר מיר אַליין עס ווייסן,
אַז כּל זמן עס איז אין ערגיצן פאַראַן נאָך גרויל,
אַז כּל זמן אין מי אין שווערער באַשלאָגן מענטשן קאַלטע שווייסן —
קאָן קיין בן אָדם נישט געניסן פון דעם גליק מיט פולן מויל.

דאָס ווייסן מיר: כּל זמן פאַראַן אויף ערד איז פיין און יאָמער,
און ס׳רייסט זיך נאָך פון עמיצס האַרץ אַרויס אַן אוי —
עס קאָן קיין שלימותדיקער גליק נישט זיין — כּה אָמר —
אין זיין גרויסער מענטשלעכקייט — כּה אָמר אַד׳!

כּל זמן אַ קינד גייט אויס פאַר הונגער ביי אַ מאַמעס פוסטע בריסטן,
וועט קיין בענוס־טון קיין שום מענטש די פרעס צו זעט,
עס וועלן קיין שום תיקון האָבן ליידנשאַפטן־לוסטן,
און פוסטע רייד וועט קינדיקן דער נביא און פאָעט!

דאָס ווייסן מיר — אַז ס׳וועט נישט קומען קיין ישועה,
און קיין שום רו אין קיינעמס נישט געצעלט —
מיר ווייסן — אונדזער וועג עס איז אין שטענדיקן נישט רוען,
ביז אויסלייז ברענגען וועלן אַלע גאָר דער וועלט!

ניט אויף אַן אייזעלע אַ ווייסן אויף די וועגן פֿון בית לחם,
נישט אָנגעקינדיקט דורך אַ שופר, צי אַ גלאָק,
נישט דורך ליבגעזאַנגען, צי דורך לעסטערן און דורך פֿאַרשווערונג,
נישט דורך מלחמות אומזיניק־אומווירדיקע פֿון גוג־ומגוג —

נישט דורך תּורות די פֿאַרפּלאָנטערטע און אויסגעשעפּטע,
נישט דורך געפֿאַלנקייט, דורך יאוש און דורך נויט,
נישט דורך אומברענגען נביאי שקר די געקעפּטע,
נישט דורך קייקלען זיך אין דר׳ערד, שוין נאָכן טויט —

נישט דורך אויסקליגלונג — דורך כּולו זכּאי, כּולו חייב,
נישט דורך פֿאַרנאַרישונג פֿון זעלבסט־מאַרטירערײַ —
עס גייט אויף גאָרער וועלט אַ ליכט אַ נײַ אויף,
אַ זון אַן אויסגעלײַטערטע — אַ לעבן נײַ —

און קומען וועט ער אין אַ־יעדנס טראַכטונגען און אַנען,
פֿון דורכזיכטיקייט לויטערער געהײליקט און געבענטשט,
ער וועט צושמייכלען זיך אויף אַלע פּנימער: פֿ אַ ר ש ט אַ נ ע ן —
פֿאַרשטאַנען וועט מען האָבן, ס׳אַ נס עס איז דער גאָט און מענטש!

1938
SZWARC
1939

1938
SZWARC

1938
SZWARC
1939


Lewin 39


Lewin 39


Lewin 32

Lewin 32

Lewin 39


Lewin 39


Lewin 39

Lewin 39